## Dem kinigs tsepl

Amol, amol, in yene yorn,
ven der indik mit der indetshke
flegn in karetes forn,
ven gendz hobn getrogn ordens,
goners - epoletn,
un glat azoy beheymes -
tsilinders un lornetn,

hot gehersht bekoved-godl,
mit mazl un mit glik,
der hoykhgeshetster kinig shebekinig
Eydl-Dodl-Smik.

Yedn iz geven bakant
in dem mandarinen-land,
az tayerer funem kings gild´nem gevant
un fun zayn brilyantenem kop afile
iz zayn glantsiker parik,
vos flegt bashaynen alts un alemen
mit khesed un mit glik.

Hot men geneygt zikh, gebukt zikh
farn getlekhn parik
funem hoykhgeshetstn kinig shebekinig
Eydl-Dodl-Smik.

Di shayn fun parik zol, kholile, nit blendn,
hot men gekukt afn tsepl nor,
vos flegt zikh telebenden
afn kiniglekhn kark.
Nit ongerufn, kholile, dem shem fun gor-gor -
Gezogt nor: S'tsepl geyt! S'tsepl nist!
Lebn zol es hundert tsvantsik yor!

## דעם קיניגס צעפּל

אַמאָל, אַמאָל, אין יענע יאָרן,
ווען דער אינדיק מיט דער אינדעטשקע
פלעגן אין קאַרעטעס פאָרן,
ווען גענדז האָבן געטראָגן אָרדענס,
גאָנערס — עפּאָלעטן,
און גלאַט אַזוי בהמות —
צילינדערס און לאָרנעטן,

האָט געהערשט בכבוד־גאָדל,
מיט מזל און מיט גליק,
דער הויכגעשעצטער קיניג שבעקיניג
איידל־דאָדל־סמיק.

יעדן איז געווען באַקאַנט
אין דעם מאַנדאַרינען־לאַנד,
אַז טײַערער פונעם קיניגס גילד׳נעם געוואַנט
און פון זײַן בריליאַנטענעם קאָפּ אַפילו
איז זײַן גלאַנציקער פּאַריק,
וואָס פלעגט באַשײַנען אַלץ און אַלעמען
מיט חסד און מיט גליק.

האָט מען גענייגט זיך, געבוקט זיך
פאַרן געטלעכן פּאַריק
פונעם הויכגעשעצטן קיניג שבעקיניג
איידל־דאָדל־סמיק.

די שײַן פון פּאַריק זאָל, חלילה, ניט בלענדן,
האָט מען געקוקט אויפן צעפּל נאָר,
וואָס פלעגט זיך טעלעבענדען
אויפן קיניגלעכן קאַרק.
ניט אָנגערופן, חלילה, דעם שם פון גאָר־גאָר —
געזאָגט נאָר: ס׳צעפּל גייט! ס׳צעפּל ניסט!
לעבן זאָל עס הונדערט צוואַנציק יאָר!

Bukt zikh shoyn di gantse eyde
farn tsepl fun parik
funem hoykhgeshetstn kinig shebekinig
Eydl-Dodl-Smik.

Plutsem flit a foygl on -
fun ergets vayte lender, kentik,
sharf der shnobl, sharf di tloen,
kukt fun oybn - dakht, a vorem...
Varft er zikh, der vilder mazik:
Khap! un trogt avek dos tsepl
mitn getlekhn parik.

Kohol tumlt, a yelole,
veynt - a shtrom fun trern gist zikh, -
un fargest dem kinig shebekinig,
vos valgert, nebekh, shoyn in mist zikh...

Iz farblibn bloyz di mayse:
"Amol, amol, in yene yorn..."
Iberkhazern fundosnay zi,
vet ir mir mistam nit gleybn...
Fregn: "In velkhn yor iz dos geven?"
Vi zhe kon ikh aykh dervayzn,
az s'iz take geshen?

On dem tsepl, dem parik
iz do farblibn bloyz a "pshik"
funem hoykhgeshatstn kinig shebekinig
Eydl-Dodl-Smik.

*Shike Driz - fun: "Harbst" (lider), Moskve 1978*

בוקט זיך שוין די גאנצע אײדע
פאַרן צעפּל פון פּאַריק
פונעם הויכגעשעצטן קיניג שעבעקיניג
אײדל־דאָדל־סמיק.

פּלוצעם פליט א פויגל אָן —
פון ערגעץ וויַיטע לענדער, קענטיק,
שארף דער שנאָבל, שארף די טלאָען,
קוקט פון אויבן — דאכט, א וואָרעם...
ווארפט ער זיך, דער ווילדער מאזיק:
כאַפּ! און טראָגט אוועק דאָס צעפּל
מיטן געטלעכן פּאַריק.

קאָהאָל טומלט, א יעלאָלע,
וויינט — א שטראָם פון טרערן גיסט זיך, —
און פארגעסט דעם קיניג שעבעקיניג,
וואָס וואלגערט, נעבעך, שוין אין מיסט זיך...

איז פארבליבן בלויז די מיַיסע:
„אמאָל, אמאָל, אין יענע יאָרן...”
איבערכאזערן פונדאָסניַי זי,
וועט איר מיר מיסטאם ניט גלייבן...
פרעגן: „אין וועלכן יאָר איז דאָס געווען?”
ווי זשע קאָן איך איַיך דערוויַיזן,
אז ס׳איז טאקע געשען?

אָן דעם צעפּל, דעם פּאַריק
איז דאָ פארבליבן בלויז א „פּשיק”
פונעם הויכגעשעצטן קיניג שעבעקיניג
אײדל־דאָדל־סמיק.

**Des Königs Zöpfchen**

Einst, einst, zu jener Zeit,
als Truthahn und Pute
noch in Kutschen fuhren,
als die Gänse Orden trugen
und die Ganter Epauletten,
und die Rinder ohne Grund
Zylinder und Lorgnetten,

herrschte mit allen Ehren,
mit Wohlergehen und Glück
der hochgeschätzte König aller Könige
Ejdl-Doddel-Smick.

Jeder wußte
im Mandarinenland,
daß wertvoller als des Königs gold´nes Gewand
und sogar als sein brilliantener Kopf
ist seine glanzvolle Perücke,
die alles und jeden zu bescheinen pflegte
mit Gnade und mit Glück.

So neigte man sich, bückte man sich
vor der göttlichen Perücke
des hochgeschätzten Königs aller Könige
Ejdl-Doddel-Smick.

Damit das Leuchten der Perücke, Gott bewahre, nicht blendet,
schaute man nur das Zöpfchen an,
das immer im königlichen Nacken
zu baumeln pflegte.
Nicht beim Namen genannt, um Himmels willen, das größte -
- sondern nur gesagt: Da kommt das Zöpfchen! Da niest das Zöpfchen!
Auf daß es hundertzwanzig Jahre lebe!

So verneigt sich schon die ganze Gemeinschaft
vor dem Zöpfchen der Perücke
des hochgeschätzten Königs aller Könige
Ejdl-Doddel-Smick.

Plötzlich kommt ein Vogel geflogen -
aus fernen Ländern, wie man sieht,
mit scharfem Schnabel, scharfen Klauen,
schaut von oben - da scheint ihm, ein Wurm...
Flattert er, der wilde Übeltäter:
Schnapp! und trägt das Zöpfchen weg
zusammen mit der göttlichen Perücke.

Aufregung in der Gemeinde, Jammern und Klagen,
man weint - es fließt ein Strom von Tränen,
und man vergißt den König aller Könige,
der sich, was für ein Jammer! schon im Mist wälzt...

So blieb nur die Geschichte:
"Einst, einst, zu jener Zeit..."
Wenn ich sie von neuem wiederhole,
werdet ihr mir wohl nicht glauben...
Fragen: "In welchem Jahr war das?"
Wie kann ich euch zeigen,
daß es wirklich geschah?

Ohne Zöpfchen, ohne Perücke
blieb da nur ein "ksch!"
vom hochgeschätzten König aller Könige
Ejdl-Doddel-Smick.

*transliteriert und übersetzt von Martin Quetsche*
*www.schmarowotsnik.de*